STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06400

# SHVARTSE FLITERLAKH

Moshe Broderzon

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה בראדערזאהן.

# שווארצע פלימערלאך

## ליעדער.

1913 תרע״ד

דרוק. ש. בעלכאטאווסקי

פיעטרקאוו

# „ЧЕРНЫЯ БЛЕСТКИ“

стихи

Моисея Бродерзона

Лодзь 1913 года.

Тип. Ш. Белхатовскаго въ Петроковѣ

נדפס בדפוס האחים גרויס

*Printed in U.S.A.*
*GROSS BROS. Printing Co. Inc.*
*636 11th Ave. New York, N.Y, 10036*

## „שווארצע פליטערלאך".

איך מאך צו די אויגען — פערבלענדט פון די שטראהלען;
איך זעה, ווי פארווירטע אין גאלדענעם ים —
עס צאפלען אין טיעפקייט, ווי פינקלענדע שטערען,
די פליטערלאך שווארצע — פארבארגענער סם...
זיי דרינגען אריין אין דער טיעפקייט פון הארצען,
זיי שימערן, שטיפען אין קראנציגען טאנץ;
און ביסלעכווייז, שפעטער ווערט טונקעל דער גאלד־ים·
עס קריגט דאס ארומיגע פליטערלאך גלאנץ!

---

## דער לעצטער שניי.

ס'איז בלוי — דער פארנאכט, וואס פארוויגט איצט דעם גארטען;
און בלוי ווערט דער שניי, וואס — צולייגט אויפ'ן גראז.
צעווישען די שווארצע פארטונקעלטע שטאמען
לויפט האסטיג פארביי א דערשראקענער האז...
און בלוויליכ'ער פוך איז צושפרייט אויף די צווייגען,
אויך דעקט ער די בלעטלעך פון קאשטאנעם איין;
דא וואלגערט זיך איינזאם א יונגיטשקע קנאספע:
עס האט זי דער ווינד נאך געפליקט ביי דעם שיין!
און ערגעץ־וואו ווייטער — דארט טרעשטשעט א צווייגעל;
עס ציטערט און זיפצט אפ, מסתמא פאר קעלט...
די בלאהינקע פליטערלאך פאלען אראפ'עט. — — —
א שמייכעל פון פריהלינג!.. און בלוי איז די וועלט.

---

## א בלום.

עס הויבט זיך דאס בלום מיט'ן האסטיגען אטהמען;
צוויי גליקליכע אויגען — זיי קוקען אויף מיר!
איך לאך... און איך שמעק, ווי פארכשופט — דאס בלימעל...
צו שמעקט נישט מיט כשוף נאך מעהרער פון דיר"? —

* * *

פױגעלע לאַכט, װען זי טראַכט ...
אָדער — — װײנט.
און פאַרטרױמט — אין פאַרנאַכט,
שטיל בעחנ׳ט — —
לאַכט פון איהם, שפּאַסט פון איהם — —
איז עס קרום?
— „עט, אַ, ץ אײנס! מוחל — אַלץ!"
ער איז פרום ...
פרום איז ער: זי — זײן גאָט!
און פאַרטראַכט
קושט ער זי ... בוקט ער זיך ...
און — — זי לאַכט.

---

## „ביין?"

— װילסטו, רחל׳ע די בלומען? נאַ דיר!
כ׳האָב געבראַכט זײ איצטער נאָר פאַר דיר אַלײן,
קוקסט אין זײ זיך אײנ׳עט, — ס׳גלאַנצען דײנע אױגען,
ביזטו, מײן געליעבטע, װאונדערבאַר, װי שען!
אָך, װי שען די בלומען קלײדען צו דײן קעפּעל;
יעדער אײנציג — שמײכעלט! װי בריליאַנטען שען — — —
שענק מיר דו אײן נארצים!.. כ׳װעל עס זיך בײ׳ם הארצען
אײנשטעכען צו׳ם אָנדענק ... װילסט נישט געבען? נײן?" —

---

## אונרוה

ס׳װערט די אונרוה טיעף געבױרען — מיט דעם שימער פון דער נאַכט;
אװענד־שאָטענס — ציהען לאַנגזאַם, װי געמאַטערט, נאָך אַ שלאַכט ...
און עס רוהט די נאַכט ... שױן שטילער, — שטום, װי עטעמדיג מיט טױט!
דאַן — אין הארצען ברױזט די אונרוה: די נשמה בלוטיגט, װעהט ...

## רעגען־טראָפּען.

רעגען טראָפּענדלאַך, ווי קרישטאַל רוהען אין די בלימלאַך פֿיעל;
ס׳איז אַ יום־טוב אויף די פֿעלדער, אַ בריליאַנטען־זוניג שפּיעל,
— „דו וועסט געהן אין גרינע גראָזען, טרינקען — עס מיט בלומען־זאַפט;
און פֿון דײַנע הײסע קושען — וועט עס אײַנזאַפּען אַ קראַפט, —
קראַפט פֿון ליעבע, שטאַרקער ליעבע צו דער צאַרטער מוטער ערד, — —
ס׳וועלען גנאָם׳ען דאָרטען טאַנצען — מיט די גרויסע ווײַסע בערד...
און דערצעהלען אײנס דעם צווייטען, פֿאַרבעהאַלטענע פֿון בליק:
ווי פֿאַר׳כּשופט איז דאָס מײדעל פֿונ׳ם טראָפּען בלומען־גליק!״ —

---

## ווייסע קלאווישען.

ווײַסע קלאַווישען... און שאַרע פֿאַרנאַכטען, ס׳ מײדעל — אין שאָטען געהילט.
שטומע אַקקאָרדען, און טרויער־מעלאָדיעס, — זײ האָבען פֿאַרלאַנגען געשטילט...
בויגיג — די שאָטענס... דער טונקעלער אָבשײַן — אויף שוואַרץ, אויף׳ן — גלאַנץ פֿון קלאַוויר;
עס שלײַכט איצט אַ וויגענדיג נגון אין טונקעל — און רופט אָב אין האַרצען בײַ מיר...
אַך — שוין?.. שוין געענדיגט?״... — עס רײצט מיר דאָס העלזעל — פֿון בלענדענדען מאַרמאָר געטאָקט...
שען ביזטו — אין כּעס!... געשטערט האָט מײַן קושען?.. און — „ברוגז״! — דו האָסט מיר געזאָגט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

—נישט האָב קײן פֿאַראיבעל אויף מיר, מײַן געליעבטע! אָט די... אָט די מאַסקעס פֿון „בראָנז“:
נישט שוועבערט, נישט שומאַן, ניט בעטכאָווען, אסור, זײ האָבען פֿאַראיבעל אויף אונז!״ —

---

## אסטרונע זיפץ.

עס קלאַגט דאַס האַרץ, עס וויינט דאַס ליעד,  
נאָך ווייטער היים, נאָך בערג פאַרבענקט,  
נאָך אייגען ערד, נאָך אייגען ים,  
וואָס וואָלט די שמערצען אָבגעשווענקט;  
עס קלאַגט דאַס האַרץ, עס וויינט דאָס ליעד,  
פאַרטעמפּט פון ליידען, מיעד פון וועג;  
בטחון — וואו? וואו — רוה? וואו — פריי'ד?  
און וואו — דער סוף שוין? וואו — אַ ברעג? — —  
„מען ברעכט די שטאַרץ, וואָס איז פאַרשוועכט.  
און קלאַגט דאַס האַרץ, און וויינט דאָס ליעד;  
די סטרונעס זיפצען, זיפצען שטיל: —  
עס בענקט אין מיר דער שטאָלצער איד!" —

---

## וויפיעל?

— וויפיעל פאַרבען האָט אַ זונען=שטראַהל?  
— גאָלד אַליין! — — —  
— און ווי עלענד בין איך? עלענדער —  
פון אַ שטיין.  
— און די אויגען... אַך, ווי אויגען פיעל  
האָט דאָס גליק!  
ווענדען ווענדט זיך'ס נאָר, מיין פאַרחלום'טע, —  
פון דיין בליק!? —

---

## פערעל וועל איך זוכען...

פערעל וועל איך זוכען, פערעל וועל איך זאַמלען —  
אויף אַ שניעל קלייבען.  
טראָגען וועסט עס שטענדיג אויף דיין פערעל=העלזעל:  
וועט'ס אַ זכר בלייבען!

ווען אִיךְ פְרִיהֶער שְׁטאַרבְּעֶן... ווְעסְטוּ ווְען דערמאָנְעֶן?
ווְעסט גְעווִיס גְעדְעֶנקְעֶן?!
און אוֹיבּ דוּ... דוּ — פְרִיהֶער... ווְעל אִיךְ מִיט דִי פְעֶרְעֶל —
נאָךְ דַיין הְעֶלְזוְעל בְּעֶנקְעֶן! —

## קראָהען.

דְער סאָסנְעֶ־וואַלד איז לִיכְט גְעשְׁלַייעֶרְט
שְׁטְעֶהט עֶנטבְּלויזט דְעם גְרִינְעֶם קאָפּ;
עֶר דְרֶעמְעֶלְט שְׁטִיל און הְעֶרט זִיךְ אַיינ׳עֶט:
ס׳לאָזט זִיךְ דְער פאַרנאַכט אַראָפּ...

רוֹיט, ווִי בּלוּט, — בְּעֶפוּרפּוּרט צווַייגְעֶן;
הִימעֶל — בְּלוֹיט; דִי זוּנן פאַרגְעֶהט;
ס׳ווְערְעֶן אִיבְּעֶר וואַלד דִי שאָטְעֶנ׳ס —
פוּן דְער זוּמְעֶר־נאַכט צוּשְׁפְּרַייט...

עֶמְעֶץ לאָזט זִיךְ הֶערְעֶן זִינגְעֶן, —
עֶס צוּקלִינְגט זִיךְ ווַייט אַ לִיעֶד — — —
און אַ שוּרה שוואַרצְעֶ קראָהעֶן
צוּ דְעם וואַלד צוּ זִיבְּעֶר פלִיהט...

* *
*

אִין מאָרגְעֶנרויט גְעֶבּוירְעֶן — מִיט פלאַמְעֶן פוּן דְער זוּנן,
בִּין אִיךְ מִיט פרַייד גְעֶקוּמְעֶן — דְעם טאָג׳ס גְעטְרַייְעֶר זוּהן...
און פוּנ׳ם טאָג גְעמאַטְעֶרט, דְערנִידְעֶרט און פְעֶרשְׁמאַכְט, —
האָבּ אִיךְ מַיין לִיעד גְעווִידמְעֶט דְעם טרוֹימִינְגְעֶן פאַרנאַכט.

## נעבען וואלד־קוועלבעל.

דִינְעֶ, דִינְעֶ אָדְעֶרלאַך זוֹימְעֶן דַיינְעֶ אוֹיגְעֶן;
און דִי בְּלִיקְעֶן — ווַייטְעֶ! אַךְ, ווִי ווַייטְעֶר ווַייט...
טוּלְיעֶ אִיךְ בַּיי׳ם האַרצְעֶן דאָס מחיה־קעֶפְּעֶל, —

און דו, צאַרטע, שוואַכע, — מונטערסט מיך צום שטרייט!
קוקסט? און זעהסטו ווערטען? ס'ציטער'ן די ברעמען...:
זעהסטו אַ פאַרטראַכטע, — — ווערטען? זאַגסט מיר באַלד? —
צ'ו'ג'ל איך דאַס קעפּעל, קוש די טיפע אויגען, —
און די טרעהרען פליסען — — „ס'קוועלכעל רוישט אין וואַלד".

## מאַי־שמייכעל.

עס בליהען די בעזען. עס בליהט אין מיין הארצען.
מיר זענען אין בלוי־גרין געהילט.
עס האַט זיך דער מאַי אויף די ציטריגסטע סטרונעס —
זיין בונטעסטע ליעדעל צושפּיעלט!

עס בליהען די בעזען. דער מאַי — אין מיין הארצען;
ער האַט מיך מיט ליעבשאַפט געקוויקט,
דעם „זאַטען" פון ליעבע; פערטומעלט דעם צער,
מיט שמייכעל מיט גרינעם פאַרוויגט...

## קדוש!

די זונן פאַרגעהט! עס דוכט זיך — אין גאַמען גלאַנץ־קאַלירען; —
שפּיעלט אימען — אַ טרוימיגען נאַקטירן con sordino...
און אין דעם נאָה'נטען שוהל'כען, — איהר וועט באַלד הערען קדיש, — —
איצט האַלט מען ערשט ביי מנחה: קדושה — — „קדוש! קדוש!" —

## אַנ'עכאָ.

איך פרעה זיך! וואָס? וואָס איז די פרייד?
— מיר זענען אַלע שקלאַפען!
אויף פרעמד געוויסען — לאַנג פאַרלאָזט:
אין פרעמדע אויגען גאַפען?

איך פרעה זיך! וואָס? וואָס איז די פרייד?

— עס שטורמען קאַלטע וועלטען!
די פרייד פון פרעמדע וואַלד און פעלד: —
נישט זיכערע געצעלטען!?

איך פרעה זיך! וואָס? וואָס איז די פרייד!
— פון אַל'דאָס פרעמדע ליעבען?
פאַרגעסען שוין פון לאַנג אָהן זיך:
אָהן אייגענעם -- — און ליעבען?...

איך פרעה זיך! וואָס? וואָס איז די פרייד?
— די פרייד פון פרעמדע וועלטען?!
— וואו — אונזער רוה? די ווייטע היים? — — —
און ס'ווילט זיך וועמען שעלטען!

---

*  *
*

מיך רופט דער פריהמאָרגען מיט פויגעל געזאַנגען,
מיט ריחות פון בלומען, מיט גרינקייט פון פעלד...
עס רופט מיך אַ טאָג, וואָס איז נאָר וואָס געבוירען —
עס רופט מיך אַ גאָלדענע, זוניגע וועלט.

מען רופט מיך!... איך געה מיט דער טאָג=פרייד געפאַנצערט,
מיט — שמייכעל פון קרוין=זונן, מיט גליקען בעשטראַהלט — —
און ס'לעבען, דאָס ווילדע, פאַרעלענדטע לעבען
בעגעגענט מיין טאָג=פרייד פאַרוואונדערט און קאַלט.

---

## א קאמפלימענט.

דיין קערפער איז מאַרמאָר, — אַ ליעד פונ'ם לעבען;
די אברים געשניצט און געבלייכט פון דער נאַכט.
דיין געהן — איז מוזיק, וואָס צוגליהט אין ענטציקונג!
סימפאָניע — דיין בליק, ווען ר'איז קינדיש פאַרטראַכט...

---

## א „פוגע".

ס'טאנצען עלפען... רעגען־טראָפּענס – פון דער גאָלדען־זונן בעשטראַהלט,
לייכט בעגלייטען זיי די ווינטלאַך, ווי געצערטעלט פונ'ם וואלד.
ס'טאנצען עלפען... ס'וויינט אַ פידעל, – און די צוויַיטע פייכט אַ טרערה..
אַלטען־זיפצען. און ס'פאַרגעהט זיך, – טשעלאָ זינגט. עס זינגט נאָך ווער.
ס'טאנצען עלפען... ס'יאָגען קלאַנגען. ס'יאָגט אַ טאָן דעם צוויטען שנעל. –
און אינ'איינעם, אין דער פוגע – קוילערט ראַש אין הארץ אַוועל...

## נישט אין טאקט.

ער שפּיעלט ניט אין טאַקט – יענער פידלער;
די אויגען – ביי איהם גאָר פערמאַכט...
וואָס נאָטען? וואו – נאָטען? ער קוקט נישט;
און, דאַכט זיך, בעת מעשה, – ער טראַכט!

ער טרוימט; און וואָס טרוימט ער, דער פידלער?
אַך, פּלוצים... בלייבט – שטיל... אָבגעהאַקט – – –
וואָס שווייגט דער פער'חלומ'טער פידלער?
– „ער שפּיעלט ניט, חאַ – חאַ, אין דעם טאַקט!" —

## מנחה־צייט.

וואָס איז שטילער'ס דאָ, ווי טונקעלע פאַרנאַכטען?
וואָס איז שטילער'ס דאָ, ווי אומעדיגעם טראַכטען?
— שטילע מנחה־צייט!
יעדער זאַנג אין פעלד, ווי יעדער פולער קערען
איינזאַם, עלענד איז, ווי אָט דער נאָהנטסטער שטערן – –
שטילע מנחה־צייט...

## דער ערשטער דונער.

אײַן שוואַרצער וואָלקען, ווי אַ וואַלפיש —
אײַלט אָהן ציעל, אָהן צוועק אין רוים...
עס יאָגט איהם נאָך אַג'עטוואָס דעלער —
ווײַס, ווי אויפגעבראויזטער שוים.

מײַן פויגעל ציטערט אין זײַן הײם־נעכט,
רופט די „זי״ און פישטשעט, שרײַט...
עס קוילערט ראַש אַראָפּ אַ דונער,
הילכט ער אָפּ אין וועלדעל ווײַט. —

---

## הײם.

הײם איז איצטער — הײסער זומער
הײסע טעג און הײסע נעכט...
און מיר זענען, ווי פאַרשכור'ט:
— „אפשר איז עס גאָר ניט רעכט?״

— רעכט זײַן ווילט איהר, ווען עס בראויזען —
הײסע לײַדען, ווילדער מוט...
און אין יעדער אײנציג אָדער —
זידט און קאָכט און שטורעמט בלוט?..

בעסער שטורמען זאָלען בלוטען,
אײדער פליסען מיעד, פאַרשמאַכט!
און אויף נסים זיך פערלאָזען,
„טאָמער ט'קילער זײַן די נאַכט?!

---

* * *

פינסטער איז אין דער אַלעע ווײַס — דײַן זומער־קלײד.
און עס רוישט בײַ מיר אין האַרצען — הײסער זומער־פרײד..
שטערען, שטערען — דײַנע אויגען! זונן — פאַרמאָגט דײַן בליק.
זונן אין פינסטערקײט, — מײַן ליעבסטע, — איז אַלײן דאָס גליק!

---

מינא וו.:

## „וואלקיריעס הימעל־פליהען" . . .

זי הערט צו, מיין ליעבע, נישט שמייכעלט... נישט־לאכט...
און ס'בלאסינקע פנים'ל — ערנסט, פארטראכט: — — —
„און ס'קראכען די וואלקענ'ס, די הימלען־וויט, הויך,
פארווירט און צומישט אין א פייערדיג רויך...
געפליקט איז די בלאהקייט... דער דונער — ער ברילט;
זיי האבען, ווי לייבען צושריגען זיך ווילד — — —
אלץ העכער און העכער — דאס פרויענגעשטאלט, —
זי פליהט — — און א וואו'קען נאך וואלקען זיך שפאלט — —
און בלאסער — די בליצען, שוין מיעדער פארשמאכט...
ס'ווערט רוהיג... עס לאזט זי אראפ'עט די נאכט!...

— — — — — — — — — — — — — — —

זי הערט עס, מיין ליעבע, נישט שמייכעלט, ניט — לאכט;
דאס בלאסליכע פנים — פארוויטעלט, פארטראכט...
איך פרעג זי: צו האט זי'ס פון פריהער געקאנט? — — —
„עס האט זיך איצט שמעון איהר, — זאגט זי, — דערמאנט"...

---

דוד קאסעל'ן.

## אין אווענד־בלאסקייט.

זי זיצט און שפיעלט, זי וועבט א טרוים,
אין בלאסען אווענד שווימען טענער...
ס'ווילט זיך אויך מיט אונרוה שוועבען,
שוועבען העכער, ווערען שענער;

און צוגעהן — — אנטרונען ווערען,
וואו עס בלייבען מיידעל־באנגען,
וואו ס'צושווימען זיך אין הויכקייט —
ליעבע־און־נשמה קלאנגען. — —

ס'ווילט זיך אויך מיט אונרוה שוועבען ,
און די טענער קלייבען , קלייבען — — —
ווער וועט אבער מיט מיין ליעבסטער
דארערט מיט'ן אוועגד בלייבען ? ..

---

ל. פרצ'ן

## יונג בין איך !

יונג בין איך , ווי יונג – דער פריהלינג !
(פריהלינג איז דאך אייביג יונג) .
היים דאס בלוט , און קלאר די אויגען , —
ווי א הארפע'ס ציטער=קלונג ...

יונג בין איך , און דאך — פארטרויערט :
בענקשאפט זינגט פון יעדער ליעד !
וויטע , וויטע אלטקייט שימערט —
אין מיין אלטען נגון : „איד" .

---

## „סענטימענטאליטעט" .

: : . „מירעלע וועט וואקסען אין וואלד=שלאס אין א גרינעם ,
פון קרישטאל געבויטען , פון דורכזיכטיגען דינעם ;
וועט – נאך מיר נאך בענקען ... אויסקוקען און קלערען :
ווי דעם הימעל שטייגען ? ווי צו גרייכען – שטערען ? –

איך וועל נאך דיר קומען , טיעף געהילט אין פליגרען ,
(דאן – פאר ווייסען חלום שמעטער קרישטאל=ריגלען ...)
כ'וועל מיט זיך דיך נעדמען ... ביידען וועט זיין בעסער :
זוכען ווייטער , – ליעבען , – בויען וואונדער=שלעסער ! — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

---

ז. סעגאלאָוויטש'ן.

## אין א פריהלינגס־טאג...

עס רעגענט אין גארטען, די בוימער – צושאָקעלט.
דער סטאַוו, – ווי פון אומעט בעטריבט.
און שטעהען מיר ביידע, מיר קוקען אויף שוואנען:
„ס'איז איינער אין צווייטען פארליעבט!"

עס רעגענט אין גאָרטען... די שוואנען – פארקלערטע.
– דו שמעסט זיי די ברעקלאך? נא, שיט! – – –
פון ווייטען דערטראָגט אונז דאָס שפּילען פון פידעל
טשייקאָווסקי'ס – די „הערצבעטיגע ליעד"...

---

בּאָריס'ן

## Berceuse

ווייטער ווייט – – אין היים פון מזרח,
אין דער אייגען ווייטער לאַנד,
טראָגט אויף פליגלען דיך א מלאך, –
טראָגט אונז ביידען – זאלבאַנאַנד.

זער אנדרעמעלט! ווייט – דער חלום.
דו ביזט – אונשולד, וואך אין וואָהר...
און דער מלאך, – זיינע פליגלען –
זענען אלעבאסטער קלאָהר.

חלום – ברודער – פון דער צוקונפט!
איצט – א טרויער־טויטע צייט – – –
פון דעם נעפּעל ברודער־ליידען
רייט, משיח, גיבער רייט! –

---

## אויגען־פארבען.

שווארצע אויגען — טיעפער אומעט!
בלויע אויגען — קארן=בלימעל!
שארע אויגען — שטילער בענקען!
גרין די אויגען — וויטער הימעל!

איך האב ליעב: די אויגען=פארבען,
מאטע בליקען, גליקען=שמייכלען,
ווי אין וויטען, וויטען הימעל —
ווייסע וואלקען, וואלקען=רויכלען! —

---

## א פראפיל.

דיקע צווי צעפ, ווי די נאכט=שווארצע שלאנגען,
צולייגט אויף דער בלענדענדער ווייסקייט פון האלדז;
די ליפען — האלב אפען, ווי גרייטע צום קושען;
די אויגען — אין וויטקייט: פארגעסען — און ארץ!
זי טרוימט איצט — דאס מיידעל, ביי'ם זונען=פארגעהן'ען;
עס שטארבט אב פאמעליך — א טאג נאך א טאג...
זי ווארט: „ער וועט קומען, דער טרוים פונ'ם לעבען!" — —
דערווייל פארלעגט זי קאקעטיש א לאק.

---

## „וויס־שווארץ".

א וועג פון בעריאזעס פון ווייסע, פון הויכע,
זיי ציהען זיך ווייט — אין א לאנגע אלעע;
די שניי=ווייסע קארע'ס, וואס בלייבען אין אוונד,
צוקנייטשט זענען ארטווייז פון שווארץ=טרוקען=וועה — — —
ווי גרוים=שווארצע אויגען, ווי שטארע — פארגליווערט,
זיי וואלטען מיט פארוואורף, מיט טרויער געבליקט!
די ווייסע בעריאזעס, וואס דופטען פארנאכט איצט,
זיי האבען נישט איין מאל אונז ברכות געשיקט. —

---

## דאָס עכאָ.

אַ קופּע, פּיעל בּוימער אין שאָטען באַהאַלטען,
איין צווייג, ווי געפלאָכטען מיט'ן צווייטען בּיינאַנד.
— „דאָ זענען פּיעל סענקעס, און וואָרצלען, און שטאַמען, —
דו, האָב נישט קיין מורא!... איך האַלט דיך בּיי'ם האַנד!"...
אַ קופּע — פּיעל בּוימער. און פינסטער איז דאָרטען:
עס מוז גאָר נישט אָנזעהן די זונן דאָ — די ערד.
ס'איז תמיד דאָ טונקעל... „ס'איז שטענדיג פאַרנאַכטליך",
דעריבּער — די בּוימער אין דרעמעל, פאַרקלערט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— „מיר האָבּען די רוה דאָ — זיי איצטער געשטערט?" —
— „זיי מוזען זיך פרייהען מיט אונז, — גאָר פאַרקערט!" —

---

## אַ פינקעלדיג געלעכטער.

עס פינקעלט דיין געלעכטער, ווי רויטער ווײַן — אין קרישטאָל,
ווי רויטער ווײַן — ער שכּורט, און מאַטערט דעם געדאַנק,
ווי בּלוטיג־רויטע קרעלען פון הייסען בּלוט פאַרגליווערט —
ער נעמט מיר דורך, בּעגליקט מיך — — און מאַכט מיך עלענד־קראַנק!

---

## „בּלומען־שטויב".

האָסט געפּראַוועט בּלומען יום־טוב;
ס'האָט בּעהערשט אונז איין פערלאַנג — —
„ליליען האָבּען אויך פערלאַנגען:
ווי צו בּליהען מעגליך לאַנג"...

אַך, נישט לאַנג — געבּליהט די בּלומען:
„ס'לעבּען איז פּאַר תּפלות — טויב!"
און אין טיעפעניש, אין האַרצען —
איז געבּליבּען בּלומען־שטויב...

---

## ביים אפענעם פענסטער.

בײַ'ם אָפענעם פענסטער, — אין נאַכט אַ פאַרקלערטע,
זי שטעהט, און די הענד אויף דער הינטער פאַרלײגט,
און — אָטהעמט מיט נאַכט איצט, מיט רוהיגער שטילקײט — — —
עס האָט זיך גאר פלוצים דאָס בוימעל צובויגט,
צווויגט זיך די ליפע בײַ'ם אָפענעם פענסטער,
עס טרעשטשעט אַ צווײַגעל... עס טהוט וואו אַ פלאַץ...
און ס'קלעטערט — אַ שוואַרצע, געקנוילטע פון סאַמעט,
מיט אויגען, ווי פאָספאָר — די היימישע קאַץ.
דערשרעקט זיך דאָס מײדעל — אין נאַכט אַ פאַרקלערטע;
די קאַץ טהוט אַ שפרונג גלײך אין פענסטער אַראָפ — — —
און ווײַטער — איז רוהיג! בײַ'ם האַרץ פון דער מײדעל —
זיך צערטעלט דאָס קעצעל, און טוליעט איהר קאָפ.

---

* *
*

צו אײנער.

איך בין זינדיג! שולדיג! — ביזטו שטאַרק אין כעס.
בײזערסט זיך. בעדויערסט. ליעבעם, שעהנעם קינד!
נאָר דו גלויב, — מײַן שענסטע, — דאָ מיט דיר אינאײנעם —
בין איך — לויטער אונשולד, פרײַ פון יעדער זינד...

---

## אַ קאַרעראָד.

ווען דער וואַלד זיך באָדט אין רויטען,
זונן — פערגעהט אין פלאַמען=גלאַנץ, —
לאָזען זיך אַרוים די נימפען
אין דעם ווײַסען אָווענד=טאַנץ — — —

זײ — מקנא זענען פאַאונען —
בערדיג, גרין, די הערנער — מיאוס...

טאַנצען זײַ, ווי אויף צו להכעיס,
הויבען הויך די ציגען־פּיס...

ווערט זײַ אומעדיג -- די נימפען, ——
און דער וואַלד פאַרטרויט אַ סוד:
ווי מען נעמט זיך אַל־צוזאַמען,
און מען געהט אַ קאַרעראָד...

---

## „רומיאַנעק״.

עס קוקען די קעפּלאַך – די געל־אויגען אָפען,
זײַ דרעמלען אין הייסקײַט, ווי שטאַר – נישט געשלאָפען...
און הונדערטער, טויזענדער בלימלאַך צוזײַהטע –
זײַ קוקען פון טהאָל אויס, מיט גראָזען פאַרשפּרײַטע.
זײַ קוקען – די קעפּלאַך; די געל־אויגען בליהען; – –
און ס'דוכט זיך מיר אָפטער'ס: זײַ רופען, זײַ ציהען –
די ווײַס־צאַרטע בלעטלאַך, – ווי גרוסען פון גליקען...
און אויגלאַך, די געלע: – מיט אײַפּערזוכט בליקען! –

---

## „Preludium“

די באָבע זיצט אין ווינקעל דאָרט, דאָס אײניקעל – זי שפּילט;
זי שפּילט פ אַ ר א י ה ר... די באָבע הערט, – אין שאָטען אײַנגעהילט.
– „און אײנס, צווײ, דרײַ... און אײנס, צווײ, דרײַ! ס'אי שווער: – אַ נ י י ע זאַך!
– דו שמײכעל, באָבעשי, און הער!... איך בעט דיר, – נאָר נישט לאַך!“ ––
די באָבע הערט. הנאה שײַנט: „זי שפּילט דאָך – אַנ'אַנטיק!“
און ס'אַלטע פּנים קנײטשט זיך מעהר, – עס שטראַהלט אַרוים דאָס גליק;
„כל נדרי“ וויינט... דער שלום אַקקאָרד... אַ סוף שוין צו דער זאַך!
– – – – – – – – – – – – – – – – – – – – – – – – –
דאָס מײדעל נעמט זיך שוין אויפסנײַ – צום אַלטען דײַטש, צו באַך...

---

## קארשען־בלוט.

שווארצע קארשען, רויטע קארשען, —
ס'שפריצט פון זיי מיט בלוטען; — —
ביזט אויך צייטיג, ווי די קארשען!
נעם נישט פאר אומגוט'ען).

זאפטיג, זאפטיגע — די קארשען;
דיינע ליפען — זאפטיג! — — —
כ'וועל דאס קארשען=בלוט מיט ליפען
קושען — פלאמען=קראפטיג.

---

## א ליעד.

שווים, מיין בענקשאפט, שווים אין ווייטקייט,
זאג אן גרוסען — פריינד.
שוין פארגעסען, — וואס פערגאנגען:
בענקען בענק איך היינט. — —

שווים, מיין בענקשאפט... הימלען ווייטע — — —
שווים — מיט בלאסען שיין!
און אין ראזע אווענד=וואלקענס
טוליע דו זיך איין!

זינג אין פעלדער, זינג אין וועלדער,
זינג אין טהאל, אויף — בארג...
שווים, מיין בענקשאפט, זינג אין ווייטקייט:
„ס'איז דאס לעבען — קארג!"

---

* *
*

— גרינע זאנגען — אין פעלד,
גרינער קארן — פארזייהט,

וואו – די קערנער, וואס לאנג –
האבען ווינדען פארוועה'ט? – – –

האט די זונן אייך געגלעט?
האט די נאכט אייך געקיהלט?
אדער פויגעל מיט אייך –
האבען הונגער געשטילט?

## צו דיין בילד.

סאניע ר—וו.

רויטע רויזען – וועקען תאוות,
ווייסע – זענען מילד; – –
כ'פלעכט פון זיי א ראמען קרענצעל
צו דיין לעצטען בילד.

ס'וועלען ווייסע – מיר דערמאנען
דיין פארוואונדערט בליק;
און די רויטע, ווי די וואונדען, –
טעג און נעכט פון גליק! – –

## „Orientale“.

טרינק אוים דאס קרישטאל פונ'ם הארץ,
און היל זיך איין אין טרויער-שווארץ;
דו היל זיך איין, מיין טרוים, בעפרייט – –
און פליה – – דו טראג צו'ם מזרח, – – וויט..
טרינק אוים די רויטע וועל פון בלוט!
און גלעט מיין הארץ, – פון דיר בערוהט...
– – – – – – – – – – –
עס האט דער מזרח-טרוים געפרייהט,
און אין א שטילער ליד – געוועה'ט. –

## „בעזען־שפּיעל".

שפּיעלען מיידלאך זיך מיט בעזען,
לויפען, קויפען, קושען, ווארפען...
ווארפען׳ס, ווען עס וועלקט און טריקענט: – –
ווער קאָן דאן דעם בעז בעדארפען?

צווייגלאך בעזען דארען, קווארען,
צווייגלאך בעזען טריק׳נען – שטילע;
און, – ווען טויטע, געלע, בלאסע, –
שמעקען זיי אויך דאן אפילו..

* *
*

שטאָלצע אָדלער׳ס – פליהען הויך;
שווארצע קראָהען – לעבען לאנג! – –
מיינע טרוימען – וייסער רויך;
און דאָס לעבען – טהוט מיר באנג!

## ערינערונג.

אין מיטען בוך – אין בלאט געלייגט,
האָב איך אַ בלום געפונען...
און ס׳האָט זיך קוים פון טויטען גרום –
ערינערונג געשפונען.

שוין לאנג – – פון לאנג – פארוועלקט דאָס בלום,
פארטריקענט – די געוועבען!...
אך, ס׳איז אמאל ערינערונג
געוועזן – דאָס וואונדער לעבען! – – –

## דורכזיכטיג.

גרין זעהט אוים דאָס קלאָרע וואַסער —
אין׳ם גרינעם גלאָז,
און ווי אַ געטראַנק — אַ ראָזער,
ווען דאָס גלאָז איז - ראָז...

בלוי, ווי הימעל, בלוי - דאָס וואַסער,
ווען דאָס גלאָז איז בלוי,
און ווי גראָהער נעפּעל - שאַרע,
ווען דאָס גלאָז איז גרוי!...

שוואַרץ, ווי שוואַרצער... ווי שוואַרץ־סאַמעט —
אין אַ גלאָז אַ שוואַרצ׳ס, — — —
און, ווי דורכזיכטיג — אין קוועלכעל,
ווי, דאָס רוב, - מיין האַרץ!...

---

## וואַסער־ליליען.

האָסט אַראָפּגעבויגט צום וואַסער דיין גינגאָלדען קאָפּ,
און דו זוכסט אין וואַסער־פלאַכקייט: שווימט נישט וואָס - אַראָפּ...
דו האָסט אויסגעשטרעקט די הענטלאַך, יאָגסט מיך: — „גיכער, גיך!"..
און איך אַרבייט מיט׳ן רודער, און — איך סטאַרע זיך... — —
— אָטאָ, האָסטו שוין דאָס בלימעל! גרינע וואַסער רינט.
רייניגסט אָפּ דעם שליים; די גראָזען — האָבען עס בעשפּינט.
איז די וואַסער־ליליע גאָלדיג, ריין, פון פליעגלאַך - ריין...
...וועט די שענע וואַסער־ליליע באַלד אין וואַסער שטעהן! — — —

---

## Nocturne

לבנה... און נאַכט. אין אַלעס איז פינסטער,
עס שפּאַנט אין דעם שאָטען גאַנץ איינזאַם, אַליין —

א מײדעל אין ראָזען, אין זײדענס — געקלײדטע,
און זעצט זיך אװעק'עט בײ'ם טײך אויף א שטײן.

עס רונצעלט זיך ס'װאסער... לבנה — בעזילבערט,
צוקנײטשטע די װעלכלאך: עס טראכט איצט געװיס...
דאס לעבעדיג װאסער, — טראָגט מיט זיך, מסתמא,
פון װײטע מקומות אַ האַרציגען גרים.

און קוקט איצט דאס מײדעל, און זוכט װאס אין װאסער,
און װאכט א פארטראכטע: — זי װארט אויפ'ן גליק;
און ס'קוילערט דאס זילבערנע טײכעל די װעלכלאך —
זײ אײלען דאָ אום'עט אויף הין און צוריק...

* * *

װי א מאמע א געטרײע װײנט צװאמען מיט'ן קינד,
פונקט אזוי בעגלײט מײן טרויער, פונקט אזוי — דער הערבסטיג װינד!
װי א מאמע א געליעבטער האט הנאה פון זײן זוהן,
אזוי לויכט מיר, בעת איך פרעה זיך — יענע הײסע גאלדען-זונן!
װי א פױגעל, פרײ און מונטער — פליהט צו הימלען מיט געזאנג,
פונקט אזוי פארװױגט מײן לעבען, — יעדער אטהעמדיגער קלאנג!...
װי עס װארט דער צוקונפט-חורבן, אויף דאס אלץ, װאס װערט געבױט, —
לױערט נאך אזוי מיר שטענדיג, זוכט, און יאגט זיך נאך דער טױט!

## אין דער זילבערנער װײטקײט...

אין — זילבערנער װײטקײט פון דמיון,
אין נעפעל פון חלום-אקקארד,
איהר, טראָגט מיר אויף פליגעל פון װאלקענס,
פאר'כשוף'ט פון זינגענדיג װארט — — —

אין זילבערנער װײטקײט פון דמיון,
אין רױטקײט, אין שימער פון בלוט.

עֶס גֶעהט אוים מײַן הארץ אויף פאַר'חלום'ט - —
און ס'איז אַזוי שמערצליך, און גוט!

## געהאקט א בוים...

צום אָנדענקען פון א. ג. גניעסין.

אין'ם סאַמען בליהען, גרין בעצירט מיט בלעטער —
איז דער בוים געפאַלען מיט א זיפץ צו דר'ערד.
ס'האָבען ראַש די בלעטער, — ווי פאַר שרעק געציטערט,
ווי פערלאָזט געבליבען, אָהן אַ לעבענס-ווערט...

כ'האָב זיך, מיט אַ פּאָרוואורף, גלײַך געווענדט צו'ם העקער,
עפּיס האָט פאַרדראָסיג צו דעם האַלז געקנוילט.
האָט ער, מיט אַ שמײַכעל, מיר דערקלערט — גאַנץ זיכער:
— „ס'האָט שוין לאַנג דאָס בוימעל, — זאָגט ער, — לאַנג געפוילט"...

* * *

גאָלדענער פריהמאָרגען! קוקסט צו מיר אין פענסטער;
כ'וויל מיט דיר צוזאַמען — זײַן דער בעסטער, שענסטער...
ס'ועט אַ טאָג אַוועקגעהן. נאַכט. אויפסניי — פריהמאָרגען!
נאָר פאַר' — „צווײַטען מאָרגען" — זאָל שוין גאָט זיך זאָרגען...

## אַנ'אַקקאָרד.

רעגינאַ וש—קער.

עֶס לעשען זיך טענער, און שטאַרבען אין - פינסטער;
דאָס שטאַרבען איז גרויזאַם, ווי שטיל...
איך בעט דיך, מײַן טײַערע, זוניגע, ליעבע, —
שפּיעל נאָך אײַן האָהרעלע, — שפּיעל!

עֶס לעשען זיך טענער... זי ענדיגט דאָס שפּיעלען. —
דאָס פּנים'ל שמײַכעלט, — איז רויט — — —

צו ווייסטו, צו הערסטו, ווי שען איז די גסיסה,
פון טענער -- פאמעליבער טויט ? !

---

## „קליין בירגעריי״ ?

(געשטיפט)

דעם ריח האב איך ליעב פון טייערע פארפומען ;
דאס רוישען האב איך ליעב, פון קוועלעכ׳ל דאס ברומען ;
דער באבען -- האב איך ליעב, מיין זיידינ׳קע דעם פרומען --
שוין לאנג, – זיי זענען טויט !... משיח וועט דאך קומען ? !...

---

## אין אנ׳אויסגעשטערנטע נאכט.

ווייסע זילבער=סטרונעס ציהען זיך פון שטערען
אימען שפיעלט אויף זיי, און אימען הערט...
ליעדער ! ווייטע הימלען גרייכען אין דערנידער–
איז עס איצט די פרייד בעהעפט מיט ערד !

ווייסע זילבער=סטרונעס ציהען זיך פון שטערען ;
אימען שפיעלט אויף זיי – אין שטיל פארטראכט...
שפיעלט עס ווער אין רוים ? און וועמענס ריהרען פינגער ?
שמיל ! -- עס שפיעלט אליין די זילבער=שטערען נאכט. —

---

## „ערינערונג״.

איך האב בעריהרט דעם סאמעטענעם פול,
און – שרעק האט מיך בעצוואונגען...
איך האב דערהערט א ווייטען, ווייטען קלאנג :
ס׳האט אימעצער געזונגען.

דער ווייטער קלאנג איז נעהנטער... דא, שוין נאהנט :
ערינערונג – פארראויכענט ; – – –
איך האב בעריהרט דעם שארען סאמעט=פול : —
די פינגער אבגעצייכענט !...

---

## אָבענד־שכרות.

עָס האָט אַ פּאַך געטהון מיט דופטען פון בעריאָזעס,
עָס האָט אַ הויך געטהון — — אין חלום׳ען ערוואַכט —
עָס איז אַ שורך אַדורך פון אונרוהיגער שטילקייט, — —
און שטיל אַראָבגעלאָזט זיך — זומערדיג פאַרנאַכט!
איך האָב געשעפּטשעט — וואָס... „עָס רוישען די בעריאָזעס"...
— „איך האָב דיך ליעב! ווי ליעב!" — אַנ׳אַלטער יוגענד־וויץ!
עָס האָט אַ פּאַך געטהון מיט דופטען פון בעריאָזעס,
און אין דעם הימעל, וויַט, ט׳געטהון אַ גיכען בליץ...

---

## א זיגזאג.

פיאָלעטען־בליצען בלאַנקען,
הין, צוריק — אַ פלינקער צוק...
„און דו וואַרפסט, דורך שוואַרצע ברעטען,
נאָך אַ פלינקערערען קוק"...

פיאָלעטען־בליצען־קרייצען,
וואָלקען איין, און וואָלקען אויס — —
און עָס פּראַלט, עָס ברילט פון וויַטען,
מיט אַ קראַך — אַ דונער אויס!

---

## וואָלקען־צוג.

שיווע וואָלקענס, ווי די לאַנגע בערד, — —
שווימען איבער דר׳ערד...
שיווע וואָלקענס יאָגען אינ׳ם רוים, — —
שטיל־בעוועגליך קוים...
שוועבען — גרויע אינ׳ם בלויען ראַנד — —
ווי אין מערבען־לאַנד...
מיט דיווינדען איילען, איילען — וואו — — —
און זיי זוכען רוה!...

---

## „יידענשאפט״.

(א וואלד-ליעדעל).

פלאַקער, פלאַקער פייער, -- ברען, דאָס פרישע האָלץ!
וועק אין מיר – מיין חלום! וועק אין מיר – מיין שטאָלץ!
פלאַקער, פלאַקער פייער! פלאַקער – אַנ'אַנטיק!
גליה אין מיר מיין ליעבע! גליה אין מיר דאָס גליק!

פלאַקער, פלאַקער – פייער! פלאַקער – פייער-פראַכט!
באַלד וועט ווערען – חשך... באַלד וועט ווערען נאַכט...
פלאַקער, פלאַקער, פייער! און פאַרגעה – אין רויט, – –
ס'וועט אַלץ איבערברענען, און – וועט בלייבען טויט!...

---

## דיין טרעהר.

אין דיין טרעהר איז דערלייזונג פון אַלץ:
פון טרויער – דער אויסוועג, פון פיין.
אַך, דיין טרעהר!... עס פאַרביטערט – איהר זאַלץ,
און פאַר'שכור'ט, ווי סם'ענדיג וויין!

---

* *
*

בעגולטע מיט שטראַהלען פון זומער,
אין שימער פון מאָרגען און גלאַנץ –
האָסטו מיר פון כשוף און ליעבע
געפלאָכטען אַ וואונדערבאַר קראַנץ.

בעפּורפּורט מיט הערבסטיגע שטראַהלען,
אין פליהענדען שפּינוועבס געקנוילט –
געוועלקט האָט דיין קראַנץ, און אין רעגען, –
אין הערבסטיגען וויינען געפוילט.

---

## אין מענאַזשעריע:

איך האָב אַ לײב אין שטײג געזעהן,
די אויגען רויט – פול בלוט...
ער האָט אין ברילגעװײן פאַרקלעמט
פון בײזען כעס געהוט.

דער בליק – צו מיר געװען געװענדט: –
רחמנות בײז געװעקט.
דאַן האָט ער, אויפגערעגט פון װאָס –
די נעגעל אויסגעשטרעקט. – – –

איין מאַלפּע האָט אין איהר געצעלט,
װאָס – נאָהנט נע׳ם לײב׳ס געשטעלט –
דעם װעכטער מיט׳ן פויסט געדראָהט
און האָט איהם הויך געשעלט...

## אַ װיניעטקע.

אַ טויטע פּאַלמע טוליעט זיך אין שײן פון ראָזאָװען גאָרדין
און אין די בלעטער – טרוקען שפּרײזט, אַלײן שפּאַצירענדיג אַ שפּין,
און ציהט די גלאַנציג־פעדים...
די טויטע פּאַלמע הערט זיך. דאַכט זיך, צו צום אומעטיגען טאָג,
פון גרויסען עמער־טאָפּ גיט, דאַכט זיך, שנעל אַ שאַרע מויז אַ יאָג...
עס לויער׳ן דאָ – שדים!

## נע׳ם מיהל.

װײסע פליענעל־װאָלקענס, – װי דער שנײ אין בלויקײט,
איבערפולט דאָס האַרץ מיט װײסען ליעבע טרױם...
װײסע פליענעל־װאָלקענס, און אַ טײך אַ גריגער;
און די װעסלעס װעקען, ברויזען װײסען שוים...

און דער הויכער אַיר, - און די פרומע װערבעס -
בײַ די נאָהנטע ברעגען דאַונען, דאַונען שטיל...
ס'בלינצלען דורך אין לופטען פערלאַמוטער=פליגעל;
אין דעם גיכען פליהען - רױשט די נאָהנטע מיהל.
און - אַלײַן דער מיהלנער, יעקב=ליב דער מיהלנער, -
זעהט איהר דאָרטען שטעהט, אין קוקען װײַט — פאַרטהון..
קוקט און זוכט אין הימעל װײַסע פליגעל=װאָלקענס,
און פאַרשטעלט די אױגען מיט דער האַנד פון זונן.

## װאַסער־קנײַטשען...

דאָרטען, װאו ס'שװימען די שװאַנען די שלאַנקע,
דאָרטען - געפינט זיך אַ שלאָס...
װאױנט אין דער טיעפקײַט פון פערעלדיג װאַסער
(איך בעט אײַך, נישט פרעגט איצט: „פאַר װאָס?")
אַך, — — —
װאױנט דאָרט אין גרינקײַט פון פערעלדיג װאַסער
דעם דוקעס'עס טאָכטער — פאַרשקלאַפט:
עס האָט זי די טיעפקײַט פון טײַך, פונ'ם גרינעם
געצױגען מיט בענקענדיג=קראַפט...
דאָרטען, װאו ס'שװימען די שװאַנען, די שװאַרצע,
און בוקען צום װאַסער - די קעפ, — — —
דאָרטען געפינט זיך דער פאַלאַץ אין טיעפקײַט.
די קנײַטשען — דאָס זענען די טרעפ!

* *
*

**געבענשט זאָל זײַן -- דער יענער טאָג, װען גאָט האָט װעלט געשאַפען!**
**פאַרשאָלטען איז - די יענע שעה - פון שװאַכע און פון שקלאַפען!**
**געבענשט זאָל זײַן - דער יענער טאָג, װען מענש האָט - טרױם געבאָרען;**
**און - נאַכט פאַרשװאַרצט, מיט שרעק געפלוכט, װען - ער האָט גאָט פאַרלאָרען!..**

## שבת צו נאכט.

אין טונקעלע בוימער פריסאַדעס,
דאָ האָבען פיעל פאָרלאַך פאַרבראַכט...
עס איז איצט אסוף שוין פון שבת,
עס האָט שוין דערנידערט די נאַכט;——
נישטאָ שוין — דאָס הילכיג געלעכטער,
נישטאָ שוין – דאָס מורמלען אין שטיל,——
נאָר ערגיץ, פאַרבלאָנדזשעט אין גראָזען,
פאַרגעהט זיך אין מעריב אַ גריל...
און – טיעף אין געדיכטקייט פון בוימער,
עס דוכט זיך אַ וואַלד=געטעל קריכט:——
דאָס באָדט זיך דער וועג פון פריסאַדעס,
אין ציטער=לבנה׳דיג ליכט!

## א פעססימיטיש ליעדעל.

אין דעם שיין פון מרה=שחורה,
אין דעם שאָטען פון אַ בוים,
וואָס עס וואַקסט אין בית=הקברות, –
האָב איך ליעב אין אומעט=טרוים
אַלעסדינג פאַרגעסען...
אין די מרה=שחורה פליגלען,
דרעמלענדיג אין חלום=פיין, –
הער איך צו דעם טויטען שמועס;———
און איך ווער אין קברות=שיין
גיכער גיך פאַרגעסען!..

## א טרוים.

אַך, ווי עס דורשט זיך נאָך לעבען:
נאָך — לעבען פון לויטערער שענקייט!

נאָך לעבען, וואָס שטראַהלט מיט אַנ׳אָבגלאַנץ —
פון דורכזיכטיג־זוניגער רייַנקייט!
עס טרוימט זיך, עס דורשט זיך נאָך לעבען!
עס בענקט זיך נאָך לויטערע זונען!
— האָט אימעץ פון אייַך אינ׳ם זוכען —
דאָס קלאַנגפולע לעבען געפונען? —

---

*  *
*

**ג. ל.**

פון דיר אַלץ — געטרוימט אין די פינסטערע נעכט,
ווען טויט זענען טאָגיגע קלאַנגען;
עס האָט מיך דער אומעט געצערטעלט, געקושט —
און שטילער אין חשך — פאַרגאַנגען.

געטרוימט האָב איך פיעל אין די פינסטערע נעכט;
עס האָט וואָס געציטערט שטום־בלייַבענד: — — —
דאָס האָב איך אין בענקענדע, פינסטערע נעכט —
דייַן אָבבילד אין אומעט געצייַכענט!

---

# אַנ׳אַריע.

דעם יודיש׳סטען — דוד אייַנהאָרן.

— ווי גוט איז צו ליעבען, —
ווען ס׳שמייכעלט די ליעבע מיט פרייד־פלאַם אַנטקעגען!
ווי גוט — איז צו ליעבען,
ווען ס׳שמייכלען מיט ליעבע די וויַיט־נאָהנטע וועגען!
ווי גוט איז: דו ווייסט ניט, וואו פיהרט ער — דער רעכטער...
ווי גוט איז: דו טראַכסט נישט — דו ביזט ניט קיין שלעכטער...
עס קלינגעלט, עס הילכט נאָר — דער פריהלינגס־געלעכטער!
ווי גוט איז — צו ליעבען,
ווען ס׳לאָזען זיך טרוימען אין זינג־ליעד פאַרוועבען!

אַך, גוט איז צו ליעבען,
און מעשה'לעך פלעכטען אויף קאַנווע פון לעבען!
און — ווייסט נישט: — ווי חלום פון לעבען צו טיילען
פון טרויער, פון ליידען, פון וואונדען צו היילען! — — —
איך וועל דיר אַ מעשה'לע — עהנליך דערצעהלען;
„ווי גוט איז: צו ליעבען!" —

# א מאַנדאָלינע־ליעדעל.

טונקעלער — די בלעטער. שמעקענדיג — דאָס בלום.
קום, מיין ליעבע מיידעל, קום דו גיכער, קום!
רויט איז שוין דער הימעל, — אין די וואָלקענס ראָז;
און דער אָוועַנד ווינדטעל צעַטעלט קוים דאָס גראָז...
קום, מיין ליעבע מיידעל, קום מיט דעם פאַרנאַכט,
ווען דער טאָג ביי'ם אויסגעהן — אומעדינער לאַכט.
קום, מיין ליעבע, ליעבע! — קום, מיין ציטריג גליק,
און נישט איל — וואָס גיכער — וייטער געהן צוריק! — —

# וויניעטקע.

ת. ניסענהויז'ן.

עס בלינצעלט אַ שטראַהל אויף די גאָלדען־טאָפּעטען,
און נידערט אַראָפּ אויף דער ערד,
און — שמייכעלט צו'ם מיידעל, — געפרעגט אויפ'ן טעפּיך,
צו'ם ריצער, וואָס רייט אויפ'ן פערד...

עס בלינצעלט אַ שטראַהל: — און בעגילדערט דאָס שפּינוועבס, —
צוצויגען אין ווינקעל, — דעם שפּין,
דעם צעהנדליג פאַרפּלאָנטערטע פליעגענע גופים, —
וואָס האָבען פאַר זונן שוין קיין זינן...

עס בלאָנדזשעט דער שטראַהל; און ער האָט זיך געפונען —
אין ווינקעל, מיט — אויגען פאַרמאַכט;

און — האָט מיר אין פּנים מיט שטיפער־אכזריות, —
מיט לאַשטשענדיג קושען — — צולאַכט.

## א שווארצער פינטעל.

אויף דער הויכער, שלאַנקער סאָסנע האָט אַ קראָה אַ נעכט;
לעבט זי שוין פון כמה יאָהרען, פון דער צייט געפּרעסט...
זומער איז זי, — ווי דער טרויער פאר דער פרייד געשיקט,
און זי ווערט נאָר פון דעם ווינטער — אין דעם שניי געקוויקט.
ווייס — דער קאָפּ פון הויכער סאָסנע, ווייס געהילט דער וואַלד;
ס׳וועט אַ נייער שניי באַלד שיטען, גאָר אַ פרישער — באַלד. — —
זעהט: — אַ שווארצער אומעט־פינטעל אין דער ווייסער וועלט, —
ס׳געהט די קראָה בעזאָרגט שפּאַצירען פונ׳ם וואַלד אין פעלד...

## אין דער פרעמד...

(געשפּאַסט).

דאָ, אין ווינקעל וואַקסען מאַט־לי׳אָווע פלוימען,
און — די באַרען, עפּעל דאָרט·· אין יענער זייט!
ווילסטו קאַרשען שוואַרצע, כּדבעי קאַרשען, —
קום אַריבער נעהנטער... ס׳איז דאָ, גאָר נישט וויט?...
דאָ, ביי׳ם אַלטען פּלאַנקען — הייננען זיי אַראָפּ׳עט;
איך האָב זיי געגעסען נישט איין איינציג מאָל! —
ווילסט, מען זאָל נישט זידלען, און די הינד נישט רייצען,
דאַן — דו, גוטער ברודער, געה — דעם גלח צאָהל!

## שחרית.

דוד איינהאָרן׳ען.

אין דער בלויקייט פון פּרוכת,
אויף דעם קאַנט — מיט גאָלד בעזוימט,
שפּילט דער שטראַהל פון דעם פרימאָרגען,
ווי פער׳חלום׳ט, ווי פאַרטרוימ׳ט...

שפּיעלט זיך מיט'ן מגן־דוד,
מיט די כּרובים — אויבען־אָן;
ס'ווילט זיך איהם אין ארון קודש —
צו די תּורות אויפ'ן טראָהן!...

און ער שטיפט, און קושט די זוימען,
ווארט ער — דאכט זיך — אָהן געדולד:
ווארט אויף דעם „ויהי בנסוע״,
פון דער שחרית־זונן כּעגולט...

## א וויעג־ליעד.

דרעמעל איין אין הויכע גראָזען,
דרעמעל איין — אין פעלד!
ס'זאָל דיר היטען און בעשיצען —
די בלוי־גרינע וועלט!

דרעמעל איין — אין וואלד אין טיפען,
דרעמעל אין דער שטיל!
זאָל דיר איינוויגען אין חלום —
דיין געליעבטער ציעל!

דרעמעל איין — אויף מיינע ברוסטען!
הייסע בלוטען — זידט!
און מיט יוגענדליכען שטראָמען —
וועב זיך, הארציג ליעד!———

## ביים רויטען פארגעהן...

צווישען אבלים בין איך אויך געשטאַנען;
דער טאָג האָט געהאַלטען ביי'ם רויטען פארגעהן...
געשטאָרבען —— דאָס מיידעל — א כלה, א צנועה: —
אַז דאָס האָט געביטערט די טרעהרען, ס'געוויין!

אויף איך האָב אין פינסטערען קבר געוואָרפען
דאָס שטיקענדיג פייכטע און ריכענדיג ערד ; — — —
עס האָט זיך אַ געלבליכער בערגעל דערהויבען,
אויף דעם וואס׳ט פאַרענדיגט דער טויט — „אונערהערט״!

און ס׳וועלען נאָך אפשר דאָ הוי־יאָהר העל בליהען
די „ברידערלעך״־בלימלאַך, פון קברן פאַרזייהט — — —
און, אפשר, ט׳אַמאָל נאָך אַ בענקענדער בחור
דאָ פליקען פאַר זיך — פונ׳ם קבר אַ קווייט!

## אויפ׳ן בית עולם.

אַ ווינדטעל וויעגט די הויכע גראָזען פון בית עולם;
אַ ווינדמעל זייהט דורכאויס — דאָס שוידערליכע קעלט;
עס רוישען שטאַרקער, שטאַרק די לאַנגע שורות בוימער;
און — ס׳הילכט אַ יתום־קדיש פון דער טרויער־וועלט.

און — רוהט די זונן אויף הויכע גראָזען פון בית־עולם,
און קושען שטראַהלען צאַרט דעם קאַלט־מצבה־שטיין, —
דאַן ווערט דער טרויער העל, פון לויטער אומעט־שטייכלען,
און מרה־שחורה שוועבט אין ווייטער וועלט אליין! — — —

## אַ ליעד.

ביינאַכט אין פעלד. עס פינקלען ווייטע שטערען.
ביינאַכט, ביינאַכט. עס פאַלט אַ זילבער־טוי...
איך זינג אַ ליעד, — אַ ליעד געוועבט פון בענקשאַפט,
צו יענער וואָס איך ליעב, און וואָס איך טרוי.

איך טרוי — מיין טרוים! עס פינקלען ווייטע וועלטען.
די בלויקייט בלייבט: עס הויבט אַ נעפעל־פרוי... — —
אַ בלאָס געשטאַלט, וואָס רופט און וועקט די בענקשאַפט,
און הילט מיר איין אין טוי׳איג זילבער־בלוי..

# פון בית עולם.

מיר געהען אין אַלטע אַלעען,
יענטוועדער מצבה — דערצעהלט.
די מדות, פון וועמען דער מלאך,
דער מלאך המות דערוועהלט:

„דאָ רוהט איצט אין שלום און פריעדען"
אַ מאַן מיט זיין פרוי זאַלבאַנאַנד,
נאָך זיכערער, ווי אינ'ם לעבען,
געגאַנגען אין קאַמפף האַנד ביי האַנד! — — —

מיר געהען אין יונגע אַלעען,
מיר בלאָנדזען, מיר זוכען - ביז שפּעט;
און אימעץ האָט דאָרערט געפונען —
אַ טרוקענעם רויזען־בוקעט...

* *
*

גאָר שוואַרצע די צייהנער פון יאַגעדעס שוואַרצע,
געקליבען, געקליבען אַ סך;
פאַרבלאָנדזשעט — דאָס מיידעל, דאָס הנ'ווידיג שוואַרצע
אין בוימלאַך־געצעלטען פון סכך...

עס רייצט זיך און רופט זי דער וואַלד־שד אין טיעפקייט;
פאַרנאַרט זי - מיט שמייכלען אין וואַלד...
דאַן - שרעקט זיך דאָס מיידעל פאַר איינזאַמען בלייבען,
און מאַכט — אויף קאַטאָוועס — אַ גוואַלד — — —

און ב'היִלכט אָפּ מיט „עכאָ" איהר שרייען, איהר רופען;
עס דוכט זיך, מען לאַכט אין דער מיט...
דאָס לאַכט און פאַרגעהט זיך דער וואַלד־שד פון מיידעל,
פון מיידעל - אין שרעק וואָס זי בליהט -

* * *

די שטעכעדיגע נאדלען – פון דער סאסנע ווייט געפאלען;
און די ווינטען – אין די קרויזען, אין די בוימער־קרויזען שאלען:
– וואו דער זומער?
און עס פייפט אין וועלדער־שטעגלאך; ווינטען ווייגען אין הארמידער;
און עס קלעמט אין הארצען בענקשאפט, און עס וואקסט שוין ווידער, ווידער
– הערבסטיג קומער! – – –

---

## סקערצא.

אין דעם וועג פון נוסען־בוימלאך,
וואו דער שאטען – איז גאלד־גרין,
שפילען מיר זיך: פאנטען־קושען;
דו פארלירסט, און איך – געווין!

אין דעם וועג פון נוסען־בוימלאך,
ביי דעם חשוב'דיגען דוב, – –
ווייט פון טאטע־מאמע, ברידער –
שווער איך טריישאפט ביז'ן גרוב!...

---

## א וויניעטקע.

טויבען פלאטער'ן אין לופטען;
ווייסע, רויטע, רויזען דופטען...
און די מיידלאך רופען פרעהליך,
שרייען, פילדער'ן און לאכען:
רופט איהם! רופט'ן!...

טויבען פלאטערן – דערשראקען...
ליכטיג – – ס'קלינגען קלויסטער־גלאקען...
מיידלאך לויפען, יאגען פרעהליך,
און זיי שרייען, און זיי לאכען, – –
און עס בלענדען – לאקען...

ס'יאָגט ר' גרונם'ל דער גאַרבער,
יאָגט. — — דער שונא איז אַ האַרבער!
לויפט פאַרוים די ווײַסע טויבען,
לויפט — פאַרוים — די ווײַסע מײדלאַך:
— חאַפּט'ס דעם — — — שפּאַרבער!...

## מענוּעט.

די טריט... די טריט... די שטילע טריט: — עס שימערט זײַד און רוישט.
ווי לאַנג, פאַרגעסען שוין אָן אײַך? פיעל מאָל — זיך שוין ענטוישט?
די זעלבע טריט — די שטילע טריט... געהילט אין ווײַסען זײַד,
איהר אײַלט איך ניט, איהר געהט פאַרטראַכט, „מײַן ליעבע און מײַן לײַד"!
צו געהט איהר — שוין? צו זײַט איהר מיעד? איך האָב זיך נישט גענאַרט:
די טריט... די טריט... די שטילע טריט — — איך וואַרט אויף אײַך, איך וואַרט!

## ווײַס־רויט.

אויפ'ן טיש, אין אָווענד־גרויקײַט —
שמעהט אַ ווײַסער קריגעל בלומען...
באַלד וועט רחל'ע זיך פרײַהען,
באַלד שוין — וואַרט נאָר — וועט זי קומען!

נאָר — געקליבען ווײַסע רויזען,
ווײַס, ווי שנײַ אין ווינטער־דרויסען — —
וועט שוין רחל'ע דערשמעקען,
וועט שוין וויסען — וואָס כ'בין אויסען:
ווײַסע ליעבע — דורשט איך תמיד!
רויטע?... דאַרף מען זיך דערוועגען; — —
וועל איך רויטע רויזען פליקען,
וועט זי לויפען מיר אַנטקעגען!...

## ווייט, ווייט...

און חלום איך אַמאָל פון ווײַטע, ווײַטע לענדער
און חלום איך אַמאָל פון הויכען, ווילדען באַרג,
פון ווײַטען הימעל־בלוי, פון הײַסע זונען־טהאָלען,
נאָך צאַרטען טײַכען־רויש און — ווילדען פעלזען־קאַרג, — —
דאַן טראָגט דער חלום — ווײַט, צו ווײַטע ירדן־ברעגען,
און שפּילט מיט גרינעם גלאַנץ, און טיעפען טײַכען־שלײַם.
— — — — — — — — — — — — — — —
עס בענקט דײַן טרײַער זוהן, — אָ, ליעבע מאַמע רחל, —
נאָך ווײַט־געטרוימטען לאַנד, נאָך ליעבסטער, ווײַטער היים!...

---

## אנטלאפען...

אַנטלאָפען פון מיר, ווי אַ חלום אַ שענער,
אַנטלאָפען — און וועט שוין נישט קומען!
די מײדעל די בלאַסע — אַ ציטערדיג סערנע
אין אָבגרונד פון חרפה דעם פרומען...

נישטאָ זי! נישטאָ זי! אַוועק איז דאָס מײדעל, —
און וועט דאָרט צופרידען פאַרזוימען! — —
עס קומט שוין צוריק נישט דאָס אומעטיג־זעלבע,
ווי פלוצים דערשראָקענע טרוימען...

---

## אויף צו להכעיס!...

ס. ש.

גנב׳נען ליעבע — איז זינדיג,
ווי זינדיג ס׳איז — ס׳לעבען!
וואָס וועט חוץ פאַרבלאָזע שעה׳ן,
דאָס לעבען מיר געבען —
אָהן זוניגער ליעבע?

גנב׳נען קושען איז זינדיג,
ווי זינדיג ס׳איז – נאשען!...
וואס וועט פארגעבען, פארציידהען,
די זינד מיינע וואשען?
– די זוניגע ליעבע!

---

## גערייצט זיך.

מיין מיידעל, מיין קרוין, – מיט די ברעמען געשלאסען, –
דערצעהל דו, וואס טראכסטו?
דו ענטפערסט מיר גארנישט – א ווארט...
איך בעט דיר: וואס לאכסטו?...
דו שאקעלסט אויף „ניין" מיט׳ן קאפ:
„אך, מען טאר... אך, מען טאר נישט!" – –
דער טייוועל, – ער רוימט מיר א סוד,
אז דו טראכסט, וועגען... גאר נישט!? –

---

* *
*

– וואס האסטו זיך איצטער פארטראכט, מיין געליעבטע?
וואס טרוימסטו, מיין צערטעלדיג קינד?
עס קוקען די אויגען פארחלום׳ט אין וויטקייט,
און – זעהען גאר גארנישט, ווי – בלינד!

וואס טרוימסטו? – דו, זאג מיר – איך וועל דיר מיט קושען –
בעקראנצען דיין חיות׳דיג האלדז...
זי ענטפערט מיט אומעט, און – בענקענדיג שמייכעל:
– „אך, בעסער – דו ווייסט נישט פון אלץ!" – – –

## סקערצאָ.

הערִיע קאָן פון לאַנג װערלען׳ען:
פִיעלע לִיעדער – שוין געלעזען!
האָט זי לִיעב דעם טויטען דִיכטער, –
װאָס ער מאַכט פון קעץ אַ װעזען...

עס געפעלט איהר – זײַן פאַרגלײַכען, –
װאָס ער גלײַכט די קעץ מִיט פרױען...
– „מִיר... מִיר מעגט איהר אָבער, משה,
װען – און װאָס איהר װִילט פאַרטרױען!״ —

— „װאָס איך װִיל?״... איך האָב זי קושען...
— — — — — — — — — — — — — — — —
טראָפּענס בלוט איצט טרִיפּען, קאַפּען...
„װער האָט גאַר געקאָנט זיך רִיכטען,
אַז זי װעט זיך קעצִיש דראַפּען?״...

## ביי׳ם שלאָס.

ס׳שװימען װעלען צו די ברעגען –
קושען זײַ און האַלזען זיך,
און פאַרשװימען מִיט די שטראָמען,
יאָגענדיג זיך װײַטער גיך – – –

ס׳שװימען שװאַרצע װעלען װײַטער,
גלאַנצען פלינק – מִיט סאַמעט-קאַרג;
און איך הער דאָס װײַטע רױשען,
אַזש אין נאַכט געהילטען פאַרק...

פליהט אַדורך אַ װילדער גאַנער, –
שנײַדען פליגלען בלױע לופט,
און ער ציהט צו יענעם זײַט צו,
װאו מען רופט איהם, – – אימען רופט!

פליהט ער – רעכטס, וואו אין דער פינסטער –
טוליעט זיך ביי׳ם טייך דער שלאס...
און עס הילכט, – איך הער נאר פלוציס, –
פון דערוויטענס אפ – א שאס! – – –

---

## שאטענס.

מיין פעטער, ד״ר נ. ט.

דאס פינסטערע לעבען פארגעהט – אין אנ׳עלענדען טרויער;
דאס פינסטערע לעבען פארגעהט – – מיט׳ן אויסגאנג פון טאג!
עס ציטערט א פלאם פון לאמטערן ביי׳ם רויטליכען מויער,
און ווערט – מיט׳ן שאטען פארפאלען אין איינזאמען ראג...
– „און וואס איז דאס לעבען, דער אטהעם דער הייסער, דער גיכער?
און וואס איז דאס לעבען, ווען ס׳איז ניט, ווי – צופאל שטאק בלינד!?״
– „די ליעבע און ליידען – צוזאמען גענומען – איז זיכער;
א צופאל! קאפריזנע, – ווי שיקזאל, ווי גליק פונ׳ם קינד!״ – –
– – – – – – – – – – – – – – – – – –

---

## א שמייכעל.

דו גיב נאר א שמייכעל צו מיר מיט׳ן אומעט פון נאכט-רוים!
דו גיב נאר א שמייכעל צו מיר מיט׳ן שימער פון שטערען!
וועל איך שוין, מיט אויגען פארמאכטע, דיך נאכגעהן און ווערען –
פון אייביגען זוכער – א בלינדער-געפיהרטער צו׳ם גליק-טרוים, –
– ווייל בלינד איז דאס גליק!
דו גיב נאר א שמייכעל צו מיר מיט דיין בליק דעם פארטראכטען!
דו גיב נאר א שמייכעל – מיט אומעט פון שטילע פארנאכטען!
און פאר׳ן מזבח וועט הויכען מיין הארץ אין גאט לויבען,
ענטציקענד, פארגליווערט – וועל איך – אין א וואונדערבאר-גלויבען –
נאר זוכען דיין בליק!...

---

## זשאַסמין.

זשאַסמין שמעקט פֿון גאָרטען!
זשאַסמין — פֿון דײַן קלײד;
— „דורשטיג איז די ליעבע,
און — דאָס לעבען־פֿרײד!"

קום איך װעל דיך פֿיהרען!
„װאו?" דו פֿרעג נישט: „װאו?" — —
זשאַסמין שמעקט אין גאָרטען.
„טויט — איז אונזער רוה!"

## א שלענגעלדיג'ם.

י. קאַצענעלסאָנ'ען..

בלויע קווײטלאַך — אויגען־בלימלעך
לאַכען פֿוג'ם קאָרן...
ס'האָט אַ טרוים — דײַן אויגען־שמײכעל—
אין דער װעלט פֿאַרלאָרען!

האָסט געריסען — הויפֿענס גאַנצע,
און געפֿלאָכטען — קראַנצען...
און — געלאָזט זיך װײט אין קאָרן —
אין אַ בלומען־טאַנצען!..

און — די לאַכסט! די בלימלאַך לאַכען!
און די זונן — אַנטקעגען!
און געבלימטע, און בעשײנטע —
זענען אַלע װעגען! ———

## בעהאַלטעניש.

דו האָסט זיך באַהאַלטען אין גאָלדענעם קאָרן!
און איך האָב בחנם — געזוכט;

איך הער איצט דיין קול'כעל פון טיעפקייט, פון ווייטען, —
האט מיר זיך — פון קארן — געדוכט...

---

איך האב נישט געפונען — מיין גאלדענעם קעפעל!

— — — — — — — — — — — — —

דער קארן דערצעהלט עפעס צארט:

„דו האסט אויף דעם מידען פון יאגען, פון זוכען —

אין טונקעלעם וועלדעל געווארט!?"

---

## אקאמפאניאמענט.

מיין לעבען איז א שפילעכ'ל, ווי אלעמענס — ווער ס'לעבט!

מיין חלום איז א שפילעכ'ל: א ווייסער וואלקען שוועבט...

און ווערט ער גלייך פארלארען — וואו? אין ווייטען, ווייטען, רוים —

ווי אין דעם ווין, דעם קלארען וויין — דאס ברויזענדיגע שוים!..

מיין לעבען איז — א שפילעכ'ל, ווי אלעמענ'ס פון אייך:

א יין וועג! דער וועג — דערזעלביגער — פאר אלעמען אונז גלייך,

און בלאנקען מיר, און זוכען מיר —

איז לויטער קלאר דער ציעל:

ווי לענגער, לאנג צו אטהעמען —

פארגעסען זיך אין שפיעל!

---

## נאכט־שטילקייט.

די נאכט איז שטיל, —

ווי שטיל עס קאן נאר זיין א נאכט —

א נאכט פארוועבט אין שלאף!

אין גאס איז שטיל, —

ווי — ס'וואלט אין וידוי זיך פארטראכט,

פאר אבקומען א שטראף...

די נאכט איז שטיל.

אין שווארצען שאטען־ליכט — געהילט.

איך הער: — — אַ שילדען=ראַץ.
און ס'לויפט אַ דורך, פֿאַרשווינדט אין פינסטערניש, אין מאַרק-
אַ פלינקע ווײַסע קאַץ.
— — — — — — — — — — — — — — —

---

## ליכט-פלעמלאַך.

צוויי קופערנע לײַכטער — ירושה פון דורות,
זיי לויכטען מיט שבת'דיג גלאַנץ;
בעשײַדען — אין שכנות מיט זילבערנע ברידער —
זיי שטעהען אין פײַערלאַך=קראַנץ.

און שרה'ל בענטשט אָפּ'עט; פֿאַרשטעלטע — די אויגען,
פֿאַרשטעלטע פון ציטערדיג שײַן, —
עס שעפּטשען די ליפּען מיט פרומער עצבות;
דאָס פנים — געקנײַטשט, ווי פון פײַן!

דערזעהט זי, — נאָך בענשען, — די פלעמלאַך זיך הויבען,
דעם קופערנעם גלאַנץ אין אַויר...
דערזעהט זי — איהר דוכט זיך — איהר מאַמען, דער באָבען;
זיי שמײכלען — די בײדע — צו איהר!

---

## „Nature morte“.

(געשטיפּט).

צײַטיגע טרויבען, ווי גאָלדענע הײַנגלאַך,
זיי רוהען אין מאַטאָווען דרעמעל...
און — צערטליך, ווי סאַמעט — דאָס הײַטעל פון פערסיק, —
געפּאַסט אין אַ פֿאַרביגען רעמעל...
און — עפּעל פֿאַררויטעלט, ווי מעדעלשע בעקלאַך, —
פון זונן, ווי פון קושען געפלאַמטע...
און — יאָדערדיג מילגרוים... און געל=פּאָמעראַנצען,
פון ווײַטען, — צו אונז שוין פֿאַרזאַמטע...

זײַ ליעגען אינאײַנעם, אין קאַרבען, אין פענסטער;
די שויב איז פון נעפּעל פאַרצויגען...
עס פינקעלט דערנעבען — געפּאַלמעסטער הערינג,
און בלעכענע קעסטעלאַך רויגען...

## „פאַן".

שוין טרוקען — די נאָדלען אין װאַלד אין יעלאָװען;—
די בוימלאַך — פאַרטראַכטע... די צװײַגען — אַראָפּ...
עס, קומט דער פריהמאָרגען, דערהער איך אַ פּײַפען —
אַ גרויליג'ס, אַ שרעקיגס, װאָס הילכט װײַטער אָפּ.

אין מיטען דעם װאַלד, טיעף פאַרבאָרגען אין טונקעל, —
אין צװײַגען געפלאָכטען מיט פאַפּראָץ געדעקט, —
זיצט פאַן טיעף פאַרטרויערט. דעם קאָפּ טיעף געגראָבען...
ער זיצט אויף אַ בוים, נאָך פון נעכטען — געזעגט!

די װאַלד־גרינע אויגען — פאַרציהט מרה־שחורה;
ער װײַנט אויף'ן פּײַפעל, ער קלאָגט, װי אַ קינד...
— — — — — — — — — — — — — —
און ס'מורא'דיג פּײַפען צוטראָגט זיך אין װאַלד־רויש
צוזאַמען מיט אומעט, — מיט הערבסטיגען װינט.

## א קאפריז.

פרעהליך, יונג, — װי בלויער טאָג,
זאָרגלאָז, — װי אַ װעל!
כ'קוק זי מונטער פרעהליך אָן!
כ'קװעל אזש אָן... איך קװעל! — —

פלוצים — שװימט אַ חמאַרע אָן!
טהו איך קוים אַ קלעהר, —

קײַקעלט שוין אַרוים פֿון אויג
אַ געזאַלצען טרעהר !..

---

## אין א הערבסט־רעגען.

אַלץ איז געפֿעלדיג, ווי טוי — —
אַלץ איז מיעד און מאַט און גרוי — —
נעפעל — אין גערשאַנקען=בוי — —
דו ביזט איינע, ווע׳ם איך טרוי — —

אַלץ איז נעפעלדיג פאַרקלערט — —
ספקות האָבען זיך געמעהרט — —
ס׳איז אַנ׳אויג בײַ דיר פֿאַרטרעהרט — —
אַך, עס איז שוין לאַנג בעשערט — —

טילי=טילי... קלאַפט עס ווער ; — —
און איך בעט זיך, איך פאַרשווער ; — —
וועט דען אויפבּרויזען אַ מעער — —
פון דיין עלענד, הייסע טרעהר ? — —

---

## טרוים.

(שערצהאַפט).

וואונדער=טרוים — איז מענשען=פליעגעל !
טרוים פאַרטראָגט אין הימלען ווײַט.
ס׳האָט איקאַר געמאַכט זיך פליעגלען —
און די זונן — פֿון איהם אַ לײַט ! — —
וואונדער=טרוים איז — נחת רוח :
האָסט אויף איהם דאָס פֿולע רעכט !
אָבער הער זיך צו — צו וועהען, —
ווי עס שפּאָט דאָס לעבען שלעכט ! — —
וואונדער=טרוים הייסט — זיך פאַרגעסען !
אַלץ — פאַרגעסען ! אַלעסדינג !

טרינק דעם ביטער־כּוס פון לעבען!
שכּור, ברודער!... ביטער?... טרינק!..

---

# מעריב־קלאנגען.

מנחם

אידען דאוונען, אידען בעטען; —
ס'קענען אפטערם טרעהרען זעטען...
אויסגעטריקענטע די קוואלען.
שאטענס פאלען, שאטענס — פאלען,
— — — — — — — — — —

טעג פארגעהען, נעכט פארגעהען,
— ווער וועט לינדערן די וועהען?
אלטע וועהען! אלטע — באנגען!
אין „והוא רחום" — מעריב־קלאנגען...
— — — — — — — — —
— — — — — — — — —

דאנד אין האנד, — פארטראכט געריבען,
איז נאך אימעצער געבליבען.
מיט'ן ליכט — געזעצט זיך „זאגען". — — —
שאטענס, מערב־שאטענס קלאגען.

---